STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05218

IDN ERD-ARBETER

M. I. Kalinin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. קאַלינין

אידן ערד־ארבעטער

אינם בונד פון די פעלקער פון פ.ס.ס.ר.

(רעדע אַפן צוזאַמענפאָר פון „געזערד"
דעם 17־טן נאיאבר, 1926 יאָר)

בײלאַגע: „דאָס אײנאָרדענען אידן אַף ערד"

(אַרטיקל פון כ׳ קאַלינין)

אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון „געזערד"
מאָסקווע 1927

Набрано и отпечатано в типографии
„Эмес", Москва, Покровка, 9,
в количестве 10.000 экз.
Главлит № 79.496

אידן ערד-ארבעטער אינם בונד פון די פעלקער פון פסס"ר.

רעדע פונם כ׳ קאַלינין אפן צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט פארן איינאָר-דענען ארבעטנדיקע אידן אף ערד („געזערד") דעם 17-טן נאָיאַבר פון 1926 יאָר.

פסס"ר איז דאָס פאַטערלאַנד פון אַלע אַרבעטנדיקע נאַציאָנאַליטעטן.

— כאוויירים! דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר איז עפשער דער סאַמע כאַ-ראַקטעריסטישער פארן מעהוס פון דער ראַטן-רעפובליק. אויב מיר וועלן נעמען א וואָסערע ניט איז פון די בורזשואזע מעלוכעס, איז אָסער, צי דאָרט איז מעגלעך אַזאַ צוזאַמענפאָר — אַ צוזאַמענפאָר פון אידן-פויערים. דאָס איז גראָד אַזאַ צוזאַמענפאָר, וועלכער איז מעגלעך בלויז אין ראַטנפאַרבאַנד. וואָס באַ-טייט דאָס?

דאָס באַטייט פריער פאַר אַלץ, אז דער פסס"ר איז ניט קיין ספּעציפיש גרויס-מעלוכיש לאַנד פון דער אָדער יענער נאַציאָנאַליטעט; דאָס איז ניט קיין בונד, וועלכער טראָגט דעם אינהאַלט פונם אלטן רוסלאַנד, נאָר דאָס איז א בונד פון אלע פעלקער, וועלכע גייען אריין אין אים. אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרף יעדע נאַציאָנאַליטעט געפינען איר אָרט. ווען אין פסס"ר זאָל זיין א ריי פעל-קער, וואָס זאָלן זיך ניט געפינען קיין אָרט אין דעמדאָזיקן בונד, וואָס זאָלן זיך ניט פילן ווי א נאַציאָנאַליטעט, זאָלן זיך ניט פילן אלס פולבאַרעכטיקטע בירגער פון דעמדאָזיקן בונד, וואָס זאָלן ניט רעכענען דעמדאָזיקן בונד פאַר זייער אייגן פאַטערלאַנד, וואָלט דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליס-טישע רעפובליקן לויט זיין אינהאַלט ניט געווען קיין ווירקלעך ברידערלעכער בונד פון אלע פעלקער, וועלכע באַוואוינען אים. איז אָט, דער צוזאַמענפאָר פון אידישע ערד-ארבעטער, דאָס איז א ווירקלעכע באַשטעטיקונג פונם מעהוס פון אונזער פאַרבאַנד, וואו יעדע נאַציאָנאַליטעט באַקומט איר נאַציאָנאַלן פּאָנים.

די אידישע נאַציאָנאַליטעט האָט געליטן אינם אלטן רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט די גרעסטע אונטערדריקונג. און ווען ניט די צוואַנג-צופעסטיקונג פון קאָמפּאַקטע אידישע מאַסן צו אַ באַשטימטן אָרט, וואָלט עפּ-

שער אַ היפּשער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג ביז היינטיקן טאָג גרונטלעך אַסימילירט געוואָרן אינעם אלטן צאַרישן רוסלאנד.

דער אלטער צאַריזם האָט, אייגנטלעך, דערצו טאַקע געשטרעבט, אָבער מיט זיין טאַקטיק האָט ער אזוי ווי געטאָן אלץ, קעדיי צו שטערן דערדאָזיקער אַסימיליאַציע. מייַנענדיק, אַז מיט אָנרעכטיקייט און מיט פּאָליצייאישן ווילקיר פארניכטעט ער דידאָזיקע נאַציאָנאַליטעט, האָט ער אינדערעמעסן פארשלאָסן זי דורך טעריטאָריאלע באגרעניצונגען און קאָנסערווירט די נאציאָנאַלע איינריידענישן. אָבער די ראטן-מעלוכע האָט ניט קיין שום גרונט אָפּצואווישן, צו אסימילירן, צו צעשטערן די אָדער יענע נאַציאָנאַליטעט.

די ראטן-מעלוכע איז אַ מעלוכע אַ קלאַסאָווע; דאָס איז אַ מעלוכע פון היקטאטור פונם פּראָלעטאַריאַט און מע קאָן זאָגן, אַז אין קיין מעלוכע ווערט ניט אַנטפּלעקט אויסערלעך פאַר דער וועלט אזוי קלאָר דער קלאַסן-אינהאַלט פון דער מעלוכישער פּאָליטיק, ווי אין ראַטנפאַרבאַנד. די איבעריקע מעלוכעס באהאלטן זייער קלאַסן-וועזן, זיי מאַסקירן אים, זייענדיק לויט זייער אינערלעכן וועזן טיף קלאַסאָווע, ווייל זייער בורזשואזע קלאַסן-ליניע פירט צו פאַרטיידיקן די פּריווילעגיעס, די בכוירעס פון אַ באגרעניצטער צאָל פערזאָנען, זייער אַ שמאָלער אין פאַרגלייך מיט דער אלגעמיינער מאסע פון דער באַפעלקערונג, — זיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער גרויסער און מיטעלער בורזשואַזיע. דערדאָזיקער טייל פון דער באפעלקערונג ציילט אין יעדער מעלוכע בלויז הונדערטער טויזנטער מענטשן, העכסטנס איינצלנע מיליאָנען מענטשן, און אלע איבעריקע מיליאָנען ווערן אונטערדריקט, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן ניט געהערן, — צו דער הערשנדיקער, אָדער צו דער פאַרשקלאַפטער. און וויסנדיק, אז זייער גאַנצע פּאָליטיק איז אַ פאַרטיידיקונג פון אן אומבאַדייטנדיקער מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג, רעקלאַמירן דעריבער די בורזשואזע מעלוכעס זייער ניט-קלאַסאָווע אָפּשטאַמונג. אין דערזעלבער צייט דעמאָנסטרירט דער פּסס״ר פאַר דער גאַנצער וועלט זיין קלאַסן-וועזן, טוענדיק דאָס אָפן דערפאַר, ווייל ער פאַרטיידיקט די ארבעטער-פּויערשע האָרעפּאַשנע מאַסן, ער פארטיידיקט די ריזיקע, איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער באפעלקערונג. ווען מיר זאָגן, אז בא אונז איז דיקטאטור, אייזערנע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאריאט אין פאַרבאַנד מיטן פויערטום, פּאַלט, פארשטייט זיך, אַריין צווישן די מילשטיינער פון דעודאָזיקער דיקטאַטור די מינדערהייט פון דער באפעלקערונג — דער בורזשואז-קאפּיטאליסטישער טייל. אָבער מיר באהאלטן דאָס ניט, מיר צערעמאָניען זיך גאָרניט מיט דעמדאָזיקן אומשטאַנד. אַלץ, וואָס שטעלט זיך קעגן אונז און קעמפט קעגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, ווערט אָפן דורך אונז דערשטיקט און צעבראָכן. די קליינבורזשואזיע, וועלכע נעמט אָן די ראַטנמאַכט און שטרעבט אַזוי אָדער אנדערש צו אַרבעטן אין די גרעניצן פונם ראטנפארבאנד, פון זיינע געזעצן, זי דולדן מיר. דאָס אלץ, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, האָבן מיר ניט קיינע גרונטן צו פאַרשמירן, אין קעגנטייל דער בורזשואזיע, וועלכע באַהאלט דעם וועזן פון איר פּאָליטיק.

ווען מיר גייען דערפון איבער צו דער פראגע, וועלכע אויפגאַבן שטייען אין פסס״ר פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע באַפעלקערן דעם פאַרבאַנד, באַשטייען דידאָזיקע אויפגאַבן אין געבן די מאַקסימאַלע צאָל גוטס דער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג פונם פאַרבאַנד, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זי זאָל ניט געהערן, געבן א מעגלעכקייט די באַשעפערישע קרעפטן פונם פארבאנד זיך אנטוויקלען אין אלע זיינע נאַציאָנאַליטעטן, אַראָפנעמען יעדן מין אונטערדריקונג: די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, נאַציאָנאלע, ווייל נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז אין יעסאָד, אין איר פונדאַמענט אויך עקאָנאָמישע אונטערדריקונג.

דער אַנטיסעמיטיזם און דער קאַמף מיט נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

קוים שטייט די פראגע וועגן אַראָפנעמען יעדן מין אונטערדריקונג, איז פולקום נאַטירלעך, אז פאר אונז ווערט אַרויסגערוקט א ריי פראקטישע אויפגאַבן, ווי אזוי אַראָפנעמען דידאָזיקע אונטערדריקונג. דעקלאראציע איז דאָך איין זאַך, און א צווייטע זאך איז דורכפירן זי אין לעבן. די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט דעקלארירט די פולבארעכטיקונג פון אַלע פעלקער, וועלכע באוואוינען דעם ראטנפארבאנד, דאָס רעכט צו רעכענען זיך פאר א פולבאַרעכטיקטן בירגער, צו פארנעמען אלע מעלוכישע אמטן, פונם נידעריקסטן ביזן סאַמע העכסטן, צו האָבן פולע רעכט אומעטום; אָבער דאָס איז בלויז רעכט. ווי איז אָבער די מעגלעכקייט? איר פארשטייט אַליין, אז די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, וועלכע האָט געבראכט די פולע פרייהייט פאר אלע פעלקער, דערונטער אויך פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, האָט פון איין זייט באפרייט דאָסדאָזיקע פאָלק, און פון דער צווייטער זייט גרונטלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דעמדאָזיקן אידישן פאָלק, וועגן וואָס איך האָב ניט לאנג געשריבן אין איינעם פון די ארטיקלען איבער דער אידישער פראגע. איך זאָג: א קלאפּ געטאָן, ווייל די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט די ערשטע צייט, אין פעריאָד פון שאַרפן בירגער-קריג, פארניכטעט, — לעכאָלאפּאָכעס, אף א צייט, — דעם יעסאָד ניט פונם וואוילשטאַנד, נאָר פון דער עצעם עקזיסטענץ מעגלעכקייט פון דער אידישער באפעלקערונג — די קוסטאַר-געווערבן. דאָס איז געווען א גרונטלעכער קלאַפּ איבער דער שטאָטישער און שטעטלדיקער אידישער אָרימקייט, גראד איבער דער אָרימקייט. דעריבער האָבן מיר טאַקע געזאָגט: דעקלאַראַציע—איז איין זאַך; און בא איצטיקן מאָמענט טרעטן מיר צו צו פארקערפערן דידאָזיקע דעקלאַראַציע אין לעבן, אין דער רעאלער ווירקלעכקייט.

פאר די ניין יאָר עקזיסטענץ פונם פסס״ר האָט זיך בא אונז געבילדעט א ריי זעלבשטענדיקע רעפובליקן, נאַציאָנאלע געגנטן, עס האָבן זיך אַנטפּלעקט פעלקער, וועלכע זיינען געווען ביז א געוויסער מאָס פארלאָרן אין אלטן צאַרישן רוסלאַנד. עס איז פולקום נאַטירלעך, וואָס אויך די אידישע באַפעלקע-

רונג, א לעבעדיקע, אין איר מאַסע א גענוג קולטורעלע, פּאָליטיש און סאָציאַל־אויסגעשולט אין שטענדיקן קאַמף פאר איר עקזיסטענץ, האָט זיך אויך אָנטפּלעקט, האָט ניט געקאָנט ניט שטרעבן צו געפינען אויך איר נאַציאָנאַלן אָרט אין ראטנפארבאנד. און דאָ דאַרף איך זאָגן, אז דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אנטוויקלט בוכשטעבלעך אין אלע בורזשואזע לענדער, איז אין די דאָזיקע לענדער פולקום פארשטענדלעך. אויב אין אלטן רוסלאַנד האָט זיך דער אנטיסעמיטיזם באזירט אף די בכוירעס פון די אידן, ארויסגעקומענע פונם „טכום", אין האַנדל, לעמאָשל, אף זייער קאָנקורענץ־פעאיקייט און זייער קעגנערשאפט צו די רוסישע קאפּיטאַליסטן, עקזיסטירט אין טאָג אף דערזעלבער באזע דער אנטיסעמיטיזם אין דער גאנצער וועלט, באזירנדיק זיך אף קינע, וועלכע שטרעבט צו פארהיטן די אייגענע פריווילעגיעס — די פריווילעגיעס פון דער בורזשואזיע — פארן אנגעזיכט פונם קעגנער, און דעריבער איז דער אנטיסעמיטיזם פאַרשטענדלעך אין אלע בורזשואזע לענדער. אָבער דער אנטיסעמיטיזם אין די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן באזירט זיך אין טאָג אין א היפּשער מאָס אף אלטע פארורטיילן. זיין יעסאָד, עמבריאָן ליגט אין די שטעט, אין דער סוויווע פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענטישער באפעלקערונג.

אונזערע פויערים און ארבעטער קאָנען ניט זיין טיף און שטאַרק אָנגעריירט פונם אנטיסעמיטיזם, דערדאָזיקער אנטיסעמיטיזם קאָן אף זיי זיין נאָר אָנגעווייט, אָבער ער ווערט ניט געבאָרן אין זיי אַליין.

מיט וואָס זשע איז אָנגעווייט דערדאָזיקער אַנטיסעמיטיזם? פאַרוואָס איז איצט די רוסישע אינטעליגענץ עפּשער מער אנטיסעמיטיש, ווי זי איז געוועזן באַם צאַריזם? דאָס איז פולקום נאַטירלעך. אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אין קאנאל פון דער רעוואָלוציע געוואָרפן די אינטעליגענטישע און האַלב־אינטעליגענטישע שטאָטישע אידישע מאסע. ווי א נאציע אַן אונטערדריקטע, וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזן בא דער פארוואלטונג, ווי א נאציע, פון וועלכע עס האָבן אפילע אוריאדניקעס ניט געהאט דאָס רעכט זיך צו פאָרמירן (אפילע אוריאדניקעס, שוין אָפּגערעדט וועגן עפּעס העכערס), האָט זי זיך נאַטירלעך א לאָז געטאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער בויאונג, און דערמיט זיך פארבונדן אויך מיט דער פאַרוואלטונג. א גאנצע ריי אידן האָבן פאַרנומען פּאָסטנס פון קאָמיסאַרן, אונטערקאָמיסאַרן, אָנפירער און אַנדערע. דאָס איז פאַר גאנצע יאָרטויזנטער געוועזן דער ערשטער ביישפּיל, ווען אידן האָבן געקאָנט זיין ניט נאָר הענדלער, מוזיקער, דאָקטוירים א. א. וו., פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע פרייע פראָפעסיעס, נאָר נעמען אַן אנטייל אויך אין דער פאַרוואַלטונג, אין דער אַרמיי. אין דעם מאָמענט, ווען א היפּשער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט זיך אָפּגעקערט, זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע, פונקט אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָט די אידישע אינטעליגענץ א פלייץ געטאָן אין קאַנאַל פון דער רעוואָלוציע, אָנגעפילט אים מיט א גרעסערן פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט איר צאָליקייט און אָנגעהויבן אַרבעטן אין די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען פון פאַרוואלטונג. אָט אַף דעמדאָזיקן גרונט אַנטוויקלט זיך דער אַנטיסעמיטיזם.

אָבער פֿאַרן אידישן פֿאָלק, אַ״ס נאַציע, האָט דידראָזיקע דערשיינונג א קאָלאָסאַלן באַטייט. און איך מוז זאָגן, אז דער באַטייט איז אַ נעגאַטיווער. ווען מע האָט מיך אף א זאַיוואָד געפרעגט: „פּאַרוואָס איז אין מאָסקווע דאָ אַזוי פיל אידן?״ האָב איך זיי געענטפערט: „ווען איך זאָל זיין אן אַלטער ראָוו, וועלכער ווייטיקט מיט דער נעשאָמע פאר דער אידישער נאַציע, וואָלט איך פאַרשאָלטן אלע אידן, וועלכע גייען קיין מאָסקווע אף ראטן-שטעלעס, ווייל זיי זיינען פאַרלאָרן פאר זייער נאַציע״ (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן). אין מאָסקווע מישן די אידן צונויף זייער בלוט מיט רוסיש בלוט און פאר דער אידישער נאַציע ווערן זיי פונם צווייטן, מאַקסימום פונם דריטן דאָר פאַרוואַנדלט אין געוויינלעכע רוסיפיקאַטאָרן.

מיר דאַכט, אז די שטרעבונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט א היפּשן טייל פון דער אידישער פאָלקס-אינטעליגענץ און נאָך מער היפשע שיכטן פון דער אידישער אָרימקייט, דעהאַינע, די שטרעבונג צו באזעצן זיך אף ערד, האָט אונטער זיך ערשטנס אן עקאָנאָמישע נויטיקייט, אַ ווילן אזוי אָדער אַנדערש צו פאַרפעסטיקן זייער עקאָנאָמישע באַזע. אָבער איך דאַרף זאָגן, אז אויב מיר זאָלן אידעאָלאָגיש צוגיין צו דערדאָזיקער פראגע פונם נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט, דערלאָז איך, לעכאָלאפּאָכעס, אז אונטער דערדאָזיקער שטרעבונג איז פאַרבאָרגן א מעכטיקע, מאַסאָווע, אומבאַוואוסטזיניקע דערשיינונג — די שטרעבונג צו איינהיטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט. מיר דאַכט, אז דידאָזיקע דערשיינונג שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אליינפאַרהיטונג.

דער דראַנג צו נאַציאנאלער אליינפארהיטונג.

אַלס קעגן-געוויכט צו דער אסימילאציע און צום אָפּווישן די נאַציאָנאַלע גרעניצן, וועלכע דראָען יעדן קליינעם פאָלק, וואָס האָט ניט קיין נאַציאָנאַלע אנטוויקלונג,—האָט זיך באַ די אידישע מאַסן אנטוויקלט דער געפיל פון אליינפאַרהיטונג, דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַליטעט. עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז די אָרגאַניזאַציע פון ערד-אַרבעטערשע קאָמונעס, די אָרגאַניזאַציע פון דער פויערשער, ערד-אַרבעטערשער ווירטשאַפט איז אין די געגעבענע קאָנקרעטע באַדינגונגען עפשער איינער פון די סאַמע ווירקנדיקע מיטלען, אז די אידישע נאַציע זאָל זיך אַליין פאַרהיטן אַלס א נאַציע. איך זאָג, אז אין גרונט פון דערדאָזיקער דערשיינונג ליגט אַן עקאָנאָמישע שטרעבונג, און איינאָרדענענדיק די אידישע שטאָטישע און שטעטלדיקע אָרימקייט אַף ערד, שטעלט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט די רעגירונג פונם פאַרבאנד פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פאַר איר אויפגאַבע דורך דער באַשאַפונג פון דידאָזיקע ישואווים און דערפער צו פאַרהיטן די אידישע נאַציע אומאפהענגיק פון איר ווילן. איך דאַרף אָפן זאָגן, או זי שטעלט זיך ניט דעמדאָזיקן ציל און שטעלט עס ניט צוליב אַן איינפאַכער סיבע: די רעגירונג גייט צו צו יעדער פראַגע פראַקטיש; מיר זעען, אַז די אידישע אָרימקייט ליידט, אַז מע דאַרף געפינען פאַר איר א וואָסער ניט איז עקאָנאָמישן אויסוועג, און די איבערוואנדערונג פון די אידן איז טאַקע א מין לופטל, אַן עקאָנאָמישער אויסוועג פאר דער אידישער ארים-

קייט. אבער פאַרשטייענדיק, אַז דער איבערגאַנג פונם אידישן טייל פון דער באפעלקערונג אַף ערד איז גלייכצייטיק א פאַרפעסטיקונג פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, שטערט די רעגירונג אין קיין פאַל ניט, העלפנדיק דעם פונקט ווי זי העלפט יעדער נאַציאָנאַליטעט, מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, וועלכע ס'געפינען זיך אין איר רעשוס (און דידאָזיקע מיטלען זיינען, פאַרשטייט זיך, זייער אומבאדייטנדיקע). שטרעבנדיק צו פאַרווירקלעכן עקאָנאָמישע ציילן און אויפצושטעלן דעם וואוילשטאַנד פון דער אידישער ארימקייט, פאַרשטייט די ראַטן-רעגירונג, אַז דאָס האָט אַ באַטייט פאַר דער אידישער נאַציאָנאַליטעט.

פאַרשטייט זיך, אַז די דערפאָלגן, וועלכע זיינען דאָ אין דער איבערוואַנדערונג פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַכן אַף ערד, זיינען נאָך זייער ניט קיין גרויסע, און אנדערש קאָן עס ניט זיין. איר פאַרשטייט אַליין, אַז שאַפן א נאַציאָנאַלע ערד-ארבעטערשע קולטור פון א פאָלק, וואָס האָט זיך מיט ערד-אַרבעט קיינמאָל ניט פאַרנומען,—דאָס איז אין טאָך אריין א גראַנדיעזע אויפגאַבע. קעדיי אויסצובויען, לאָמיר זאָגן, א פויערשן הויף, פאָדערט זיך ניט ווייניקער פון טויזנט רובל, אויב מע זאָל רעכענען פולשטענדיק אלע הוצאָעס. סאָפּקאָלסאָף איז דאָך ערד-אַרבעט איינע פון די פאָרמען פון טעטיקייט, וואָס דער רעזולטאַט אירער ווייזט זיך ארויס ערשט אין עטלעכע יאָר ארום. א גרויסער פעלער איז, ווען אייניקע שרייבער שרייבן שוין וועגן די ערפאָלגן, ווען דער מענטש האָט נאָך ניט באַוויזן אריבערצופאָרן. דאָס איז פאַנטאַזיע. אַזוי ריידן הייסט—ניט קענען די פויערשעווירטשאַפט.

איך צווייפל ניט, אז א היפּשע צאָל פון דער אידישער שטאָטישער באַפעלקערונג וועט טכּילעס זיין אַנטוישט פון איר נייער טעטיקייט, ניט באַקומענדיק טייקעף קיין גרויסע רעזולטאַטן. און עס איז פולקום נאַטירלעך. דערפאַר ווייל אַסאַך גייען אַף ערד-אַרבעט, שטרעבנדיק צו פאַרפעסטיקן דערמיט זייער נאַציאָנאַליטעט, און ווען זיי טרעפן אָן אַף דעמדאָזיקן וועג קאָלאָסאַלע שוועריקייטן און קליינע רעזולטאַטן, ווערן זיי אַנטוישט. מע דאַרף געדענקען, אַז אלע גרויסע אויפגאַבן פאָדערן ריזיקע אָנשטרענגונגען. אָן דעם קאָן מען ניט באַקומען קיין גרויסע רעזולטאַטן.

פאַרן אידישן פאָלק שטייט א גרויסע אויפגאַבע צו פאַרהיטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט, און צוליב דעם דאַרף מען פאַרוואַנדלען א היפּשן טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין א באַזעסענער פויערשער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמפּאַקטער באַפעלקערונג, וועלכע זאָל ציילן לעכאָלאַפּאָכעס הונדערטער טויזנטער. בלויז באַ אַזעלכע באַדינגונגען קאָן די אידישע מאַסע האָפן אַף דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון איר נאַציאָנאַליטעט. דאָ שטייט פאַרן אידישן פאָלק א ריזיקע אויפגאַבע, און זי וועט פאָדערן פאַר איר פאַרווירקלעכונג א גרויסע אָנשטרענגונג פון קרעפטן מיצאַד די מאַסן, וועלכע זיינען ניט געוואוינט געווען צו ערד-ארבעט, ווייל די ארבעט פון א שטאָט-מענטשן איז אַן אַנדערע, ווי די ארבעט פונם פויער.

דערויף פאָדערן זיך גרויסע מיטלען. די רעגירונג ווענדעט אָן פון איר זייט אַלע קרעפטן, קעדיי צו געבן כאָטש א געוויסע מאַטעריעלע הילף. מע

דאַרף געדענקען, אַז פאַר דער ראַטן-רעגירונג שטייט די אויפגאַבע איבערצוזעצן א היפשע צאָל פויערים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן—פון דער אוקראַינישער, רוסישער, ווייסרוסישער און אזוי ווייטער. ווען מע זאָל באַפרידיקן די פּרעטענזיעס פון דידאָזיקע פויערים אַפילע ניט אינגאַנצן, נאָר אַף דער העלפט, אויך דאַן וואָלט זיך געפאָדערט פון דער רעגירונג א הויצאָע פון הונדערטער מיליאָנען רובל. דאָס איז אבסאלוט ניט לויט די מיטלען פונם ראַטנפארבאנד אין געגעבענעם מאָמענט. אָט פאַרוואָס די ראַטן-רעגירונג אסיגנירט פאַרהעלטנישמעסיק ניט קיין גרויסע מיטלען פאַר דער אריבערוואנדערונג פון די אידישע פויערים אַף די פרייע ערדן. דערביי שטרעבט זי צו געבן אזעלכע ערדפלעצער, וועלכע זאָלן לויט זייערע קלימאַטישע און אַנדערע באַדינגונגען אנטשפרעכן די געוואוינהייטן פון דער אידישער באַפעלקערונג. ניט אומזיסט האָט מען באַשטימט קרים, די דאָרעם-פלעצער פון אוקראַינע. דאָס זיינען די ערטער, וועלכע פאַסן אמבעסטן צו די געוואוינהייטן פון דער אידישער באַפעלקערונג. דידאָזיקע ערטער זיינען ניט בעסער פון די, וואוהין מיר זעצן אַריבער די פויערים פון אנדערע געגנטן פונם ראַטנפאַרבאַנד, פון ווייסרוסלאַנד, פון צענטראַל-רוסלאַנד און אוקראַינע. און אומזיסט שטרעבן אונזערע סאָנים און די אַנטיסעמיטן צו דערווייזן, אַז פאַר די אידן ווערן געגעבן די בעסטע ערדן. מיר פארשטייען אויסגעצייכנט, אַז דידאָזיקע ערדן זיינען ניט נאָר בעסער, נאָר לויט זייער באָדן און קלימאַט-באַדינגונגען—פיל ערגער און זיי פאָדערן קאָלאָסאַלע אַרבעט אַף צו באַנוצן זיי.

די ראַטן-רעגירונג וואָלט ניט ריזיקירט קיין גרויסע הויצאָעס אַף אריבערזעצן אַף דידאָזיקע ערדן רוסן, ווייל רוסן, אוקראַינער און ווייסרוסן זעצן מיר איצט אריבער צענדליקער-טויזנטערווייז, און ווען מיר וואָלטן גענומען אריבערזעצן זיי אין קרים, וואָלטן מיר אָנשטאט צענדליקער טויזנטער אריבערגעזעצט אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל, ווייל מע וואָלט דאַרפן דעקן קאָלאסאלע הויצאָעס, וועלכע וואָלטן פאַרקלענערט די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די אַריבערוואַנדערונג.

אינם זין פון אַריבערזעצן די אידן אין קרים זיינען צונויפגעפאַלן צוויי אנטקעגנקומענדיקע גינסטיקע אומשטענדן: פון איין זייט, האָבן מיר אין קרים און נעבן קרים אין קלימאַטישן הינזיכט פּאַסיקע ערדן פאַר אידן, נאָר זיי פאָדערן קאָלאָסאַלע מיטלען אַף דעראבערן זיי און דאָס אַריינלייגן א היפשן קאַפּיטאַל, אין דער צייט ווען די ראַטן-רעגירונג קאָן איצט ניט פאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויפגאַבע אינגאַנצן אַף אירע מיטלען. אָבער פון דער אַנדער זייט, שטערט ניט די ראַטן-רעגירונג, אַז די אידן-איבערוואנדערער זאָלן אין נאַציאָנאַלער הינזיכט באַקומען הילף אַפילע פון אידן-קאַפּיטאַליסטן, וועלכע געפינען זיך אויסער די גרעניצן פון פסס"ר, אין אויסלאַנד, ווייל בא זיך אין פסס"ר האָבן מיר די אידן-קאַפּיטאַליסטן בעשאיטאם ליקווידירט בעשאָלעם (אפלאדיסמענטן)—ניט פאַקטיש ליקווידירט זיי, נאָר ליקווידירט זייערע קאַפּיטאַלן; דעריבער האָבן זיי פאַרלאָרן דעם באַטייט.

אָבער מיט דעם, וואָס מיר האָבן צורעכט געמאַכט די אידישע קאַפּיטאַ-

ליסטן, ווילן מיר קלאָל ניט ליקווידירן דערמיט גופע די אידישע נאַציאָנאַליטעט. און אָט דאָ קומט פאָר דאָס צוזאַמענפאַסן די אינטערעסן, וואָס גייען אַרויס פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן—פון דער נאַציאָנאַלער אייינפאַרהייטונג פון דער מאַסע און פונם נאַציאָנאַלן געפיל בא די אידישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע געפינען זיך אויסער די גרעניצן פון פאַרבאַנד, וועלכע פילן זייער זינד פאַרן אידישן פאָלק, וואָס, זייענדיק קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן פון אַלדאָס גוטס, קאָנען זיי דאָך ניט שלאָפן רואיק, אַז זייער לייבלעך אייגן פאָלק ליידט, מאַטערט זיך... פונקט אַזוי ווי דער רוסישער אדל, לעכאַלאַפּאָכעס א טייל זיינער, האָט אַמאָל געפילט זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די לייבאייגענע, אזוי קומט אויך איצט פאָר אין טאָך דערזעלבער פראָצעס, וואָרשיינלעך, אין א שוואַכערער מאָס, ווייל איצט, אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז פאַראַן ווינציקער סענטימענטאַלקייט איידער אין דער אַלטער אדל-וועלט. דאָך אָבער, זייענדיק איבערזעטיקט מיט קאַפּיטאַלן, לאָזט זיי דאָסדאָזיקע געפיל, אַפּאַנים, ניט שלאָפן רואיק און צווינגט אַמאָל א גאַנצע די אידישע קאַפּיטאַליסטן צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אידישן פאָלק.

איז אָט, ווען עס וואַכט אויף דאָס נאַציאָנאַלע געפיל באַם אידן, דער וואונש צו אונטערשטיצן זיין נאַציאָנאַליטעט, איז נאַטירלעך, כאָטש איך איבער, אז בא א גאַנצער ריי אידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס געפינען זיך אויסער די גרעניצן פון פאַרבאַנד, קומט דער וואונש צו אונטערשטיצן די איבערוואַנדערער. איז אט באַקומט זיך א געוויסע געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן.

פאַרשטייט זיך, אַסאַך קאָנען זיך באַציען דערצו מיט כשאַד: ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? פון איין זייט לייקנט דער ראַטנפאַרבאַנד אָפּ אין גרונט די עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליזם, קעמפט אנטשלאָסן מיט אַלע מינים קאַפּיטאַליזם בא זיך, איז ווי אזוי קאָן ער דערלאָזן, לאָמיר זאָגן, די הילף פון די קאַפּיטאַליסטן פון מאַירעוו פאַר די אידן בא אונז אין ראַטנפאַרבאַנד? איך וויל דערויף נאָר ענטפערן: זייער אָפּט אין די בורזשואזע פאַרלאַמענטן שטימען די קאָמוניסטן אייניגעם מיט די עקסטרעמסטע רעכטע, לאָמיר זאָגן, קעגן דעם געגעבענעם רעגירונג-באַשטאַנד. די צילן בא די, וואָס שטימען, זיינען פאַרשיידענע, די סיבעס פונם שטימען זיינען פאַרשיידענע, און דאָך שטימען זיי אייניגעם. דאָסזעלבע קומט דאָ פאָר בא אונז. דער פאַרבאַנד פון די ראַטן-רעפובליקן שטיצט יעדע נאַציאָנאַליטעט; ער קאָן גיט ניט שטיצן, אויבער רעגירונג וואָלט ניט געווען קיין סאָוועטישע, ווען זי וואָלט ניט געהאָלפן דער אייינאייינהייטונג, דעם אויפהאַלטן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון יעטווידער קליין פאָלק, וואָס וואוינט אין פסס״ר. נאָר בא אַזא לאַגע, כאָטש איך איבער, ווערט יעדע נאַציאָנאַליטעט האַלטן דעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר איר פאָטערלאַנד.

און אָט איצט איז די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע עקזיסטירט אין אונזערע מעקומעס גאַנצענע יאָרטויזנטער, געפינט זי איצט אַ פאָטערלאַנד. איך האָב שוין געהאט אַמאָל געשריבן אין אַן ארטיקל, אַז ווען פון אונז אַנטלויפן די אידישע קאַפּיטאַליסטן און פירן קעגן אונז אַ פיינטלעכע קאַמפּאַניע אין

מאַירעוו, איז פאַר אונז דעריין קיין שום שענדלעכעס ניטאָ. אָבער איך האַלט אַז דער ראַטנפאַרבאַנד קאָן אַבסאָלוט ניט פאַרטראָגן פונם שטאַנדפונקט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, אויב פונם ראַטנפאַרבאַנד וועלן אַוועקפאָרן האָרעפּאַשנע אידן זוכן ערגעץ אַנדערש זייער גליק (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

כאַווייִרים, איך האַלט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד דאַרף ווערן דאָס פאָטערלאַנד, צענדליקער מאָל מער ווירקלעך פאָטערלאַנד פאַר די אידישע מאַסן, איידער יעטווידע בורזשואַזע פאַלעסטינע (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). ווייל, כאַווייִרים, וואָס קאָן געבן פאַלעסטינע? זי קאָן געבן בלויז די עקספּלואַטאַציע פון דער האָרעפּאַשנער אידישער באַפעלקערונג, קאָלזמאַן דאָרטן וועט ניט זיין קיין סאָוועטישע מעלוכע; אָבער ווען וועט דאָרט זיין א סאָוועטישע מעלוכע,—דאָס ווייסן מיר נאָך ניט. ענדלעך, צי איז דען די באַפעלקערונג, וואָס האָט אָפּגעלעבט טויזנטער יאָרן אין אונזער מאַירעוודיקן און דאָרעם-מאַירעוודיקן קאַנט, צי איז באַ אָט דער באַפעלקערונג פאַרבליבן כאָטש א וועלכע ניט איז אָרגאַנישע, פיזיאָלאָגישע און אַנדערע פאַרבינדונג מיט פאַלעסטינע? עס קאָן גאָרניט פאַרבלייבן.

עס טרעפט אַמאָל, אַז א וועלכער ניט איז אַבסורד אָדער איינריידעניש איז אַן אַלגעמיינער. דוכט זיך, עס איז קלאָר, אַז דאָס איז אַן אַבסורד, ניט ריכטיק דורכגעטראַכט, און דאָך איז דאָס א פאָרורטייל קימאַט אַן אַלגעמיינער. אַזוי איז די איינריידעניש, אַז די אידן זיינען ניט קיין רוסישע אין רוסלאַנד אינם פריערדיקן זינען פון דער רוסישער מעלוכעשאַפט. איינדערעמעסן אָבער וואוינען די אידן לויט דער צאָל יאָרן אַפן דאָזיקן אָרט ניט ווינציקער, איידער די אוקראַינער, פּאָליאַקן און אין א היפּשער מאָס ניט ווינציקער, איידער די רוסן, און דאָך עקזיסטירט דידאָזיקע איינריידעניש סײַ באַ די רוסן און סײַ באַ די אידן.

פון גערוידעפטע—גלייכבארעכטיקטע זין.

די אידן, וואָס האָבן פון דאָר-דוירעס געלעבט אין אונזערע דאָרעם-מאַירעוודיקע גובערניעס, האָבן צוזאַמען אַנטוויקלט די רוסישע קולטור, האָבן צוזאַמען געהאַט אויסצושטיין עקספּלואַטאַציע, זיי האָבן ניט געהאַט קיין פאָטערלאַנד, זיינען געווען קנעכט; מע האָט זיי פאַריאָגט אין ספּעציעלע לעבן-פאָרמען, קעדיי צו איזאָלירן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. איך האַלט, אַז דידאָזיקע זייער פאַרשפּרייטע איינריידעניש וועגן דעם, אַז די אידן דאַרפן זוכן ערגעץ-וואו אַ פאָטערלאַנד, טאָר איצט באַ אונז קיין אָרט ניט האָבן.

מע קאָן ניט געפינען קיין קינסטלעך פאָטערלאַנד, מע קאָן עס ניט קינסטלעך שאַפן ערגעץ אַן אַ זייט, נאָר מע מוז עס שאַפן דאָרטן, וואו עס לעבן קאָמפּאַקטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, און קעדיי דאָס זאָל ווירקלעך זיין זייער פאָטערלאַנד, דאַרף מען עס דעראָבערן. און אָט האָט די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע דעראָבערט ניט קיין אילוזאָריש, נאָר אַ ווירקלעך קאָנקרעט פאָטערלאַנד. דער פאַרבאַנד פון די סס"ר איז פאַר די האָרעפּאַשנע אידן פונקט

אַזאַ קאָנקרעט פּאָטערלאַנד, ווי פאַר די האָרעפּאַשניקעס פון אַלע אַנדערע פעלקער פונם פאַרבאַנד, און דעריבער דאַרפן בא אונז די אידן, אלס גלייכבאַרעכטיקטע זין פון ראַטנפאַרבאַנד, בויען זייער לעבן. אַל דאָס איבעריקע איז בלויז אַ אילוזיע, וואָס קאָן געבן אַ פּסיכאָלאָגישע באַפרידיקונג דעם אָדער יענעם איינצלנעם מענטשן, וואָס קאָן אַ צענדליק מענטשן אָנפילן מיט אַ אינערלעכן אינהאלט, וואָס קאָן אָבער קיינמאָל ניט באפרידיקן אין אַ פולער מאָס די אידישע באפעלקערונג, וואָס ווערט גערעכנט אין מיליאָנען מענטשן. אויב די אידישע נאַציאָנאליטעט זוכט אַ פּאָטערלאַנד, מוז עס געפונען ווערן אינעווייניק אין ראַטנפאַרבאַנד (אַפּלאָדיסמענטן).

דער וואוילשטאַנד פונם אידישן פאָלק, פון די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן פונם רוסישן פויער (אַפּלאָדיסמענטן), ער קאָן זיין בלויז אַ געמיינזאמער.

איז אָט דערפאַר האָבן מיר קיין מוירע ניט פאר נאַציאָנאלער אונטערדריקונג, מיר קאָנען קיין מוירע ניט האָבן פאַר דעם, ווייל צי זיינען דען איצט קאָנקורענטן די אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אף די ניט טויגעוודיקע קרימער ערדן? ניין! בא וועמען וועלן זיי אָפּנעמען, מיט וועמען וועלן זיי פירן אַ קאָנקורענץ? זיי קאָנען בלויז שאַפן נייע מאַטעריעלע ווערטן און מיט דעם גופע פאַרגרעסערן די מאַכט פון ראַטנפאַרבאַנד.

כאַוויירים, וואָס קאָן מען איצט באַאָבאַכטן? איצט ווערן געשאַפן קלייניקע טעריטאָריאלע אידישע איינהייטן. אָט די איינהייטן זיינען זייער קליינע, מיקראָסקאָפּישע, אָבער עס טרעפט, אַז א קליינס האָט אין זיך גרויסעס. מע דאַרף זאָגן, אז די אידישע ישואווים, דערפּער, אידישע וואָלאָסטן זיינען זייער קליינע לויט דער צאָל, אָבער פאר דער אידישער נאַציאָנאליטעט האָבן זיי אַ קאָלאָסאַלן פּרינציפּיעלן באַטייט. בא די אידן איז דאָס פּאָטערלאַנד נאָך זייער אַ קליינס, אָבער עס זיינען שוין פאראן געגנטן, עס איז פאראן א טעריטאָריע, עס איז פאראן א גרונט, א יעסאָד. פריער זיינען בא די אידן געווען יעכידע-סגולע, גליקלעכע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט ערד אדאנק דעם כעסעד פון די צאַרן, ווי, לעמאָשל, באראָן גינזבורג. אָבער דאָס זיינען געווען יעכידע-סגולע, וואָס האָבן פאַרמאָגט ערד נאָר אדאנק דעם כעסעד פון די צאַרן, אדאנק א כעסעד, וואָס האָט צו יעדער רעגע געקאָנט אָפּגעטאָן ווערן. איצט איז די אידישע באפעלקערונג, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין ערד-אַרבעטער און פאַרמערט אירע טעריטאָריאַלע איינהייטן, — טוט דאָס אַלץ ניט לויטן כעסעד פון דער אָדער יענער הויכער פערזאָן, נאָר זי טוט דאָס בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט אַ רעכט, וועלכן זי האָט דעראָבערט דורך קאַמף צוזאַמען מיט די אַרבעטער און פויערים פון אונזער פאַרבאַנד (לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן). אָט אין וואָס עס באשטייט דער אונטערשייד. איצט האָבן אף דעם די אידן, וואָס באַזעצן זיך אף ערד, דאָס פולשטענדיקע רעכט, וואָס זיי האָבן זיך אליין דעראָבערט צוזאמען מיט אונז. און דעריבער איז גאַנץ נאַטירלעך, אז ווען זיי באַזעצן זיך, פילן זיי זיך ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון פּסס"ר.

כאַוויירים, אָט האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פאַרן אײַנאָרדענען די אידן אַף ערד. פאַרשטייט זיך, איך צווייפל ניט, אַז בײַ אײַך וועט מען צופוצן, אידעאַליזירן די ערד־אַרבעט, וועלכע איר פירט דורך. דאָס איז ניט שלעכט; יעדערער, וואָס מיינט, אַז צופוצן אין אַזאַ מאָמענט איז שעדלעך, האָט אַ טאָעס: דאָס שאַדט דער פּראַקטישער טעטיקייט, אויב די אָנפירער פוצן בײַ זיך אַליין צו, אָבער, איך כאַזער איבער, דאָס איז ניט שעדלעך פאַר די טוער. עס איז נויטיק, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז זיי זײַנען ניט בלויז ערד־אַרבעטער, אַז זייער ערד־אַרבעטערשע פּראַצע, די פּאַשעטע, פויערשע, מעכאַנישע אַרבעט, וואָס שלינגט אײַן דעם מענטשן טאָג־אײַן, טאָג־אויס, זאָל זיי באַגייסטערן און באַפרידיקן.

די אידן, וואָס זיצן איצט אַף דער ערד, פאַרלירן, זאָל זײַן אַפילע דאָס פּרימיטיווע, אָבער דאָך שטאָטישע לעבן, זיי ווערן ביז אַ געוויסער מאָס פאַרגרעבט און וועלן סאָפקאָלסאָף פאַרגרעבט ווערן אַף דערדאָזיקער פויערשער אַרבעט. איז אָט זאָג איך, אַז אין אָט דער אַרבעט זאָל ער ניט פאַרגעסן איין זאַך, אַז ער פּילט אויס אַ קאָלאָסאַלע נאַציאָנאַלע מיסיע און אַז יענע קאַפּיטאַליסטן פון מאַירעוו, וועלכע העלפן דעם אידישן פאָלק, איז אין טאָך, מיט דעם, וואָס זיי גיבן דידאָזיקע נעדאָוועס, ווילן זיי מיט דידאָזיקע נעדאָוועס געווינען אַף יענער וועלט (געלעכטער) אַן ערטל נעבן מוישע ראַבײנו (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן), ווײַל, כאַוויירים, אויב זיי גלויבן אין נאַציאָנאַליטעט, אויב בײַ זיי איז טייער די נאַציאָנאַליטעט, אויב זיי גלויבן כאָטש אַף אַ האָר אין רעליגיע, וועט מען זיי דאָך פרעגן אַף יענער וועלט: וואו זײַט איר געווען דעמאָלט, ווען עס האָט געשאַפן, ווען עס האָט פאַרפעסטיקט, ווען עס האָט געשמידט זײַן פאָטערלאַנד דאָס אידישע האָרעפּאַשנע פאָלק? (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). איך מיין, כאַוויירים, אַז מיר נעמען ניט קיין נעדאָווע בײַ די מאַירעוודיקע קאַפּיטאַליסטן, בײַם „דזשאָינט" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס; ניט קיין נעדאָווע, נאָר מיר נעמען עס אויף ווי אַ זאַך, וואָס קומט אונז, ווײַל מיר זאָרגן זיך וועגן זייערע נעשאָמעס (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן). פאַרשטייט זיך, אויב עס וועט זײַן הילף, וועלן מיר, בעליסאָפּעק, שנעלער און גיכער דורכגיין דעמדאָזיקן שווערן פּעריאָד; אויב אָבער עס וועט ניט זײַן קיין הילף, קאָן איך דרייסט דערקלערן אין נאָמען פון דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז יעדנפאַלס קאָן ניט די סאָוועטישע רעגירונג ניט העלפן לויט אירע קרעפטן דער אידישער האָרעפּאַשנער מאַסע (אַפּלאָדיסמענטן).

כאַוויירים, דער באַוואוסטזײַן, דער אויסדרוק פון ווירקלעכן נאַציאָנאַלן געפיל צווישן די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס דריקט זיך אויס אין דער שטרעבונג צו ווערן אַ האָרעפּאַשנע פּראָדוציר־באַפעלקערונג, — אין טאָך גענומען, פאַרשטייט זיך, איז די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסע שטענדיק געווען אַ פּראָדוצירערשע, — און אַז אויך אַלע איבעריקע פעלקער, וואָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָלן זען, זאָלן אינערלעך באַנעמען, אַז די אידן זײַנען אַ פּראָדוציר־נאַציאָנאַליטעט, וואָס אַרבעט מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, — זאָג איך, אַז ווען דאָס אידנטום שטרעבט צו ערד־אַרבעט, שטרעבט עס ניט בלויז

פאַר דער אַליינאייננהיטונג פון דער נאַציאָנאַליטעט, עס דערגרייכט ניט בלויז דעמדאָזיקן ציל, נאָר עס צעקלאַפּט מיט דעם יענע אײַנרײדעניש צווישן דער באַלעבאַטישער מאסע, אז עס זיינען קלוימערשט ניטאָ קיין אידן—אַרבעטער און פויערים, נאָר בלויז הענדלער, בלויז גווירים. מיר אָבער ווייסן דאָך אין טאָך, אַז מיליאָנען האָרעפּאַשנע אידן האָבן געלעבט און לעבן אַף צאָרעס, האָרעוועדיק טאָג-איין, טאָג-אויס.

די עקזיסטענץ פון נעפּמאַנשאַפט, פון וואַליוטע-ספּעקוליאַנטן צווישן די אידן דאַרף אין קיין פאַל ניט פאַרשטעלן פאַר אונזערע אויגן (דער קאַמף פון דער רעגירונג מיט דערדאָזיקער דערשײַנונג איז אַלגעמיין-באַקאַנט) און פאַרטושן דעם פאַקט, אַז די מאַסן פונם אַרבעטנדיקן אידישן פאָלק, פונקט ווי די מאַסן פון יעדער נאַציאָנאַליטעט, ראַנגלען זיך אינם שווערסטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, פאַרן שטיקל ברויט. ס׳איז אומגעלומפּערט ארונטערצופירן די אידישע האָרעפּאַשנע אָרימקייט אונטער איין עטיקעטע מיט די נעפּלייט און ספּעקוליאַנטן (וואָס דאָס טוט די רוסישע בורזשואַזיע).

און איצט וויל די אידישע נאַציאָנאַליטעט צווינגען דורך אירע ערד-אַרבעטערשע קאָלאָניעס צו צעקלאַפּן דידאָזיקע אײַנרײדעניש, קעדיי אלע פעלקער, וואָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָלן זען, זאָלן באַנעמען, אז די אידישע נאַציאָנאַליטעט איז אַ פולשטענדיק גלייכבארעכטיקטע אין געביט פון אַרבעט-מי.

כאַוויירים, איך האלט, אז אין געביט פון קולטור, אין געביט פון דער פאָרויס-באַוועגונג פון ארבעטער-קלאַס און פויערטום האָב איך ניט וואָס צו רופן די אידישע באַפעלקערונג. זי האָט אסאך אויפגעטאָן, ווייל איך האָב דאָך געזאָגט, אז די אידן האָבן זיך אין אַ פולער מאָס אַרײַנגעגאָסן אין די רעוואָלוציאָנערע פּאָרעס, און וויבאלד זיי האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן, באטייט דאָס, אַז זיי זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע. וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידן. אין אלע געביטן פון דער וויסנשאַפט, סײַ פונם אלטן רוסלאַנד און סײַ אויך פונם סאָוועטישן רוסלאַנד, אין אלע געביטן פון דער וויסנשאַפט פארנעמט די אידישע באַפעלקערונג ניט דאָס לעצטע אָרט, און איך צווייפל ניט, אז אין די אויגן פון אלע פעלקער וועט אויך די אידישע ערד-אַרבעט פאַרנעמען ניט דאָס לעצטע אָרט (אַפּלאָדיסמענטן).

און די רעגירונג פון איר זייט וועט, פארשטייט זיך, בײַ יענע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, וועלכע זי פאַרמאָגט, טאָן אלץ, קעדיי צו העלפן דער אידישער ערד-ארבעטערשער באַפעלקערונג.

דערלויבט מיר אין פערזאָן פון אייער צוזאמענפאָר איבערצוגעבן אַ הייסן גרוס די נײַע אידישע ערד-אַרבעטער און זאָגן זיי, אז איך ווינש זיי פולשטענדיקן דערפאָלג, אַז זיי זאָלן ניט אַנטוישט ווערן פון יענע שווערקייטן, וועלכע זיינען פאַראַן, אז די אויפגאַבע, וועלכע זיי פאָרענטפערן, איז גרעסער איידער די שווערקייטן, וועלכע שטייען פאַר זיי, אז יענע אָפּקומעניש, יענע קאָלאָסאַלע פראַצע, וועלכע זיי קומט אויס אויסצופילן, אז אָט די ארבעט איז ווערט יענע אויפגאבן, וואָס צו זיי שטרעבט די אידישע נאַציאָנאַליטעט (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

דאס אײַנאָרדענען אידן אַף ערד*)

א בריוו פון אַ רוסישן קאָמיוגיסט צום כ׳ קאַלינין.

איך בין אַליין אַ קאָמיוגיסט פון 18 יאָר, אַרבעט אין פּאָסט-טעלעגראפן-אַמט, באַדין די באוועגלעכע פּאָסט צווישן די פּויערשע מאָסן און אָט קומט מיר קימאט טעגלעך אויס צו זיין אין אַלע דערפער, וועלכע שטייען אָפּן וועג פון מיין טראַקט און קימאט טעגלעך קומט מיר אויס צו ענטפערן די פּויערים אַף די אָדער יענע פראַגן, פון וועלכע איינע איז זייער אַן ערנסטע און דעגט די פּויערים. די דאָזיקע פראגע וויל איך איבערגעבן אייך, ווייל אַליין קאָן איך זי ניט דערקלערן די פּויערים. די דאָזיקע פראַגע איז „וועגן די אידן-איבערוואַנדערער״, וועלכע קומען מיט יעדן טאָג אָן קיין קרים און באזונדערס אין אונזערע מעקוימעס. איז אָט, טייערער מיכאיל איוואַנאָוויטש, קומט מיר אויס צו הערן דעם געמורמל און די אויסרופן פון די פּויערים. איך וועל אייך ברענגען פּינקטלעך אייניקע געזאָגטע ווערטער. פּויערים, וועלכע זיינען געקומען פון צאָפן, זאָגן: „אונזערע זין און ברידער האָבן געקעמפט אונטער פּערעקאָפּ, צענדליקער טויזנטער אונזערע ברידער זיינען דאָרט געפאַלן, מיר, זאָגן זיי, האָבן געקעמפט פאַר קרים און אויסגעקעמפט אים, א טייערן פרייז האָבן מיר באצאָלט פארן זיג, און וואָס זעען מיר איצט? אונזערע מעלדונגען וועגן איבערוואנדערן קיין קרים האָט מען אונז אָפּגעזאגט און מע לייגט אונז פאָר איבערוואנדערן קיין סיביר. מיט וואָס זשע האָבן די אידן פאַרדינט אזא אויפמערקזאמקייט, וואָס מע דערלויבט זיי זיך באזעצן אין קרים?״

לייענענדיק צייטונגען, זע איך, אַז דער כ׳ קאַלינין זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָפּ צו ענטפערן אַף אזאַ מער אָדער ווייניקער וויכטיקער פראגע. און איך בין זיכער, אַז אַזוי ווי די דאָזיקע פראגע איז זייער א וויכטיקע און דעגט די פּויערים, וועט איר מיר ענטפערן גענוי, ווי צו דערקלערן און צו איבערצייגן דעם פּויער אין דער דאָזיקער פראגע.

מיט קאָמיוגישן גרוס

וואסילי אוטשיניקאָוו.

קרים, פּאָסט-טעלעגראפישע אָפּטיילונג וואינקע.

*) געדרוקט אין „עמעס״ און „איזוועסטיא״ דעם 11-טן יולי 1926.

כ׳ קאַלינינס ענטפער.

אייניקע סיבעס פונעם אַנטיסעמיטיזם.

בריוו, צעטעלעך אַף מיטינגען, סאַי מיט כסימעס, סאַי אָן כסימעס, וועגן דער אידישער פראַגע ביכלאל און באַזונדערס וועגן דער אריבערוואַנדערונג פון אידן קיין קרים איז דאָ זייער אַסאַך. אייניקע פון זיי זייגען אָפן שווארצמייעדיקע און אַנטיסעמיטישע; אַנדערע, ווי דעם כ׳ אוושיניקאוס בריוו, שטרעבן אויפריכטיק צו דערקלערן, פאַרוואָס העלפט די ראַטנמאַכט די אידן. אגעוו, איין כאַראַקטעריסטישער שטריך, לויט די ווערטער פונעם כ׳ גראַנדראָוו, איז פאַר די לעצטע 4 יאָר צווישן די פויערשע בריוו אין „בערנאָטאַי" לאַבלוטן ניט געווען צו באַמערקן קיין בריוו וועגן דער אידישער פראַגע. ערשט פאַר דער לעצטער צייט האָבן זיי זיך באַוויזן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אריבערוואַנדערונג פון די אידן קיין קרים.

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אַלטע קרענק, זייער אַ פאַרשפּרייטע צווישן די באַלעבעסלשע און אינטעליגענטע שיכטן פון שטאָט.

עס איז שווער אָנצואווייזן אַף אַ וועלכער ניט איז איין גרונט-סיבע פונעם אַנטיסעמיטיזם. אועלכע סיבעס זייגען דאָ אָן סאָפעק אסאך, אלע האָבן זיי שוין אַ היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט. איך וויל ברענגען עטלעכע פון זיי. יעדע אינטעליגענטע אידישע פאַמיליע, וועלכע האָט זיך מיט גרויס מי ארויסגעשלאָגן פון טכום, איז גאַנץ נאַטירלעך געוואָרן מער פעאיק צום קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ווי די ארומיקע רוסישע אינטעליגענטישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן באַקומען זייער רעכט ניט אין קאַמף, נאָר אַזוי ווי לויטן בכוירע-רעכט. דאָסועלבע באַציט זיך אויך צו סאָכרים. איידער אַ איד האָט געקאָנט ארויס אַפן ברייטן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואָטאַציע, האָט ער געמוזט דורכגיין אַ האַרבע שול אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ. פון די פאַרשלאָסענע אין טכום, וואו טויזנטער קליינע הענדלער, האַנטווערקער און קוסטאַרן קעמפן איינער מיטן צווייטן אַף דער האַנדל-אַרענע, אריבערכאַפּנדיק דעם קוינע און דעם פאַרקויפער פונעם דאָרף, האָט געקאָנט זיך אַרויסרייסן נאָר אַזאַ איד, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערע פעאיקייט צו באַרייבערן זיך אין אויסצונוצן אַף אַן ערלעכן אָדער אומערלעכן אויפן די ארומיקע אומשטענדן.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַזאַ איד האָט געקראָגן רעכט פון אַ סויכער פון דער ערשטער גילדיע, דאָס הייסט באַקומען דאָס רעכט צו עפענען מאַגאַזינען איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז קלאָר, אַז אַזאַ איד איז געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פון ענלעכע רוסישע סאָכרים, וועלכע זייגען ניט דורך אַזאַ שווערע אַפריערדיקע שול. דעריבער האָבן די אידן סאַי פאַר דער אינטעליגענץ, סאַי פאַר די הענדלער און ביכלאלפאַר דער גרויסער און קליינער בורזשואַזיע פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אויסגעזען, ווי שרעקלעך געפערלעכע קאָנקורענטן.

אידישע רעכטלאָזיקייט באַם צאַריזם.

איצטער האָט אונזער יוגנט און אַפילע די עלטערע באַפעלקערונג לאַכלוטן ניט קיין פאַרשטעלונג וועגן דער אָנרעכטיקייט פון די אידן באַם צאַריזם, קעדיי זיך צו באַקאָנען מיט איר דאַרף מען איבערלייענען כאָטש ווערעסאַיעווס דערציילונג „מיט אַ אידישן פּאַס“, וועלכע שילדערט אויסגעצייכנט די לאַגע פון די אידן בעשאַס דעם צאַריזם. א איד האָט ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצופאָרן פונם טכום,—ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט פונם טכום געקאָנט אַרויספאָרן נאָר א סויכער פון דער ערשטער גילדיע אָדער אַ איד מיט הויכער בילדונג; אַלע איבעריקע זייגען געווען פאַרשלאָסן אין די איבערבאַפעלקערטע מאַירעוודיקע און דאָרעם-מאַירעוודיקע גובערניעס. אָבער די אָנרעכטיקייט האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגערירט בלויז די מאַסע פון אידישער אָרימקייט. דעריבער איז די עמעסע אָרימקייט, וועלכע האָט דערגרייכט די העכסטע מאָסן פון מענטשלעכן געדולד, געווען די אָרימקייט פונם אידישן טכום. ניט אומזיסט האָבן צענדליקער טויזנטער אידן אַלע יאָר עמיגרירט פון רוסלאַנד. צווישן אנדערס האָבן אידן ניט געהאַט קיין רעכט צו באַזיצן ערד אפילע אף אַליין צו באַאַרבעטן זי. אין איינצלנע פאַלן האָבן גרויסע אידישע קאַפיטאַליסטן באַקומען דאָסדאָזיקע רעכט לויט אַ כפעציעלער באַשטימונג פון דער העכסטער מאַכט.

די צאַרישע רעגירונג פון איר זייט האָט צוליב אירע פיסקאַלע אינטערעסן באַוואוסטזיניק אַנטוויקלט דעם אַנטיסעמיטיזם, אָנהעצנדיק אף זיי די שוואַרצמייעדיקע באַנדע, אַרויפוואַרפנדיק די אָרימקייט און שווערקייט פון דער לאַגע פון די רוסישע אַרבעטער און פויערים אף דער אידישער עקספלואַטאַציע. באַם צאַריזם פלעגט א הויכער אָנגעשטעלטער פאַרלירן זיין קאַריערע, אויב ער האָט כאַסענע געהאַט מיט א אידיש מיידל. דאָס האָט דאָך ניט געשטערט דערזעלבער צאַרישער רעגירונג סיסטעמאַטיש צו מאַכן האַלוואָעס באַ די אויסלענדישע אידן-באַנקירן.

אידן זיינען ניט קיין אָנגעקומענער עלעמענט.

באַ אונז האָט זיך געשאַפן א מיינונג, אַז אידן זיינען עפּעס אַן אָנגעקומענער עלעמענט, אַז זייער היימלאַנד איז ניט דאָרט, וואו זיי וואוינען איצט, נאָר אין דער ווייטער פאַלעסטינע. קיינער האָט זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם, וואו איז זייער עמעס פאָטערלאַנד. אין טאָך אָבער וואוינען די אידן, אפילע אין געוועזענעם צאַרישן טכום, גאַנצע הונדערטער יאָרן; הייסט עס, זיי האָבן פונקט אַזעלכע רעכט, ווי די איבעריקע מאַסע פון דער באַפעלקערונג, און נאָר דער אַלטער בורזשואַזער רעזשים האָט, אונטערדריקנדיק אַלע פעלקער אין די סאַמע פאַרשיידענע פאָרמען, אויסגענוצט צוליב נאָך גרעסערער עקספלואַטאַציע אויך די אידישע באַפעלקערונג, אָוועקשטעלנדיק זי לעכאַטכילע אין אַזעלכע ראַמען, אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהעפטן, אַסימילירן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און דערנאָך באַשולדיקט די-

זעלבע אידן, אַז זיי האַלטן זיך אָפּגעזונדערט און שטיצן איינער דעם צווייטן. אָבער די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט האָבן ניט זיי באַשאַפן. די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט האָבן באַשאַפן די הערשנדיקע קלאַסן פון רוסלאַנד און פון אַנדערע מעלוכעס, וועלכע האָבן צוגענומען בײַ אַ גאַנצער נאַציאָנאַליטעט די סאַמע עלעמענטאַרע בירגערלעכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט און דערמיט אַליין זי אָפּגעזונדערט.

יעדע אידישע פאַמיליע, אַפילו פון בורזשואַזער אָפּשטאַמונג, האָט זיך שטענדיק געפונען אונטערן דאַמאָקל-שווערד פון פּאָליצייאישן ווילקיר און האָט דעריבער ניט ווילנדיק מיטגעפילט די רעוואָלוציאָנערן און אַפילו ווי ווייט מעגלעך געהאָלפן זיי, אויב ניט דירעקט, איז כאָטש אומדירעקט. ווייטער, יעדער רעכטלאָזער איד, וועלכער איז אַרויס פונם טכום, האָט געקאָנט געפינען דעם ערשטן אָפּדאַך בלויז בײַ די אידן, וועלכע האָבן דאָס רעכט שוין געקראָגן. און אין דער הינזיכט זיינען אידן דערגאַנגען ביז ווירטואָזישקייט: אונטער דער פּאָן פון דינערשאַפט האָבן זיי געהאַלטן בײַ זיך שטודירנדיקע קורסיסטינס. אין דער פּרעסע זיינען געווען פאַרעפנטלעכט יעדיעס, אַז אייניקע אידישע מיידלעך זיינען געווען געצוואונגען, קעדיי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו לערנען אין אוניווערזיטעט, צו נעמען געלע פּעסער, וועלכע האָבן געגעבן וואוינרעכט אין די שטעט אויסערן טכום. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אין קאַמף מיטן צאַריזם האָבן אידן גענומען א גרויסן אַנטייל. אויב די אָנרעכטיקייט און די אָרימקייט האָבן אונטערדריקט דאָס אידישע פאָלק, האָט דיזעלבע לאַגע אויסגעטיילט פון דער אידישער מאַסע אַ היפּשן פּראָצענט רעוואָלוציאָנערן.

די ראַטנמאַכט האָט אָפּגעשאַפט די רעכטלאָזיקייט.

ביכלאַל, צוגייענדיק צו דער אידישער פראַגע, טאָר מען ניט פאַרגעסן די נאָענטע געשיכטע פונם אידישן פאָלק, וועלכע האָט אַרויפגעלייגט אויף אים איר שטעמפּל. בעצעמעס, צי קאָן זיין א גרעסערער אָפּשפּאָט פון א נאַציע, וואָס א שטיינהעקער, א מוליער, א פורמאַן אָדער א באַלמעלאָכע האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו לעבן אויסער דעם טכום, און א געלער בילעט האָט דאָסדאָזיקע רעכט יא געגעבן? און מיר, אַלטע רעוואָלוציאָנערן, האָבן צווישן די אידישע פאַמיליעס געפונען שטיצע אין א גאַנצער ריי קאָנספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע מאַיכים. זייער דערפאַרונג אין דעם איז געווען א היפּש גרעסערע, ווי בײַ אונז. מיטן קומען פון דער ראַטנמאַכט האָבן די אידן, ווי אַלע אָנרעכטיקע, באַקומען אַלע יורידישע רעכט, בעסויכאָם אויך די רעכט צו אַרבעטן אויף ערד.

קלאַסן־צוגאַנג צום פאַרענטפערן די אידן־פראַגע.

וואָס קאָן מען דערווידערן קעגן דעם פאַרשפּרייטן דאָסדאָזיקע רעכט אויף די אידן און ווער וועט וואַרפן א באַשולדיקונג דער ראַטנמאַכט, וואָס זי האָט געגעבן די אידן דאָס רעכט צו אַרבעטן אויף ערד? מע באַשולדיקט די ראַטנ-

מאַכט אין דעם, אַז זי איז אַ אידישע מאַכט, אַז זי איז גוטוויליק צו אידן, — דאָס איז דאָך פּוסטע מאַיסעס. עמעס, די ראַטנמאַכט האָט אומגעקערט די אידן די רעכט, נאָר וועלכע אידן? זי האָט אומגעקערט די רעכט נאָר דער אידישער אָרימקייט, מיט די רייכע אידן אָבער האָט זי געטאָן דאָסזעלבע, וואָס מיט אַלע קאַפּיטאַליסטן. יעדערער ווייסט דאָך, אַז בײַ אונז איז געווען אסאך רייכע אידן אין פאַרגלייך מיט זייער אַלגעמיינער צאָל. די אידישע פאַבריקן, זאַוואָדן, הייזער, באַנק-קאָנטאָרן, פּראָצענט-פּאַפּירן, וועלכע זיינען געווען אין אַ געוויסער מאָס בײַ רייכע אידן — דאָס אַלץ איז קאָנפיסקירט, צוגענומען געוואָרן.

מיט איין וואָרט, מיר, וואָס די אנטיסעמיטן רופן אונז אָן פּאַרטייאידיקער פון אידן, מיר האָבן אליין אף די ערשטע טריט צווישן אַנדערע צעבראָכן אויך דעם אידישן קאַפּיטאַל. זאָל מען אונז אָנווייזן אַ גרויסע אידישע פאַבריק, אַ באַנק-קאָנטאָר אָדער עפּעס ענלעכס, וואָס מע זאָל ניט געהאַט צוגענומען. איך מוז זאָגן, אַז אין די אידישע שטעטלעך האָט די אידישע אָרימקייט מיט נאָך אַ גרעסערן אַזאַרט אָפּגענומען דאָס פאַרמעגן בײַ די רייכע אידן, איידער דאָס איז געווען אין אַנדערע ערטער. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אַ מאַסע, וואָס די אָרימקייט האָט זי אונטערגעדריקט, האָט קוידעמקאָל געשטרעבט זיך צו צערעכענען מיט אירע דירעקטע אונטערדריקער, עקספּלואַטאַטאָרן, ד. ה. מיט די רייכע אידן. כאַראַקטעריסטיש: מיר, אלס פּאָרזיצער פון צ. א. ק., קומט זייער אָפט אויס צו קעמפן מיט דער אידישער יוגנט, וועלכע שטרעבט, אַזוי ווי די רוסישע יוגנט, צונעמען די באַטעמעדראָשים און צו פאַרוואַנדלען זיי אין קלובן.

ווי איר זעט, האָט דער צאַריזם פון איין זייט געהעצט די רוסישע שטאָטישע אָרימקייט קעגן די אידן, מאָטיווירנדיק זייער אָרימקייט מיט אידישער עקספּלואַטאַציע, און גלייכצייטיק אליין געגעבן אַלע רעכט די רייכע אידן, ווי אויך באַשיצט זייער פאַרמעגן פון צעראַבירט ווערן דורך דער אָרימקייט. בײַ אונז קומט פּונקט פאַרקערט. בא אונז, בא דער ראַטנמאַכט, קומט פאָר אינעווייניק אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט פּונקט אַזאַ שאַרפער קאַמף צווישן די רייכע און אָרימע, ווי אין אלע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע באַוואוינען דעם ראַטנפאַרבאַנד, און אין דעמדאָזיקן קאַמף האָט זיך די ראַטנמאַכט געשטעלט און שטייט אף דער זייט פון דער אָרימקייט. און צווישן דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע פונם ראַטנפאַרבאַנד איז דאָ פיל אידן געוועזענע קאַפּיטאַליסטן. צווישן די פירער פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע פאַרנעמען זיי אַ בעקאָוועדיק אָרט — עס איז גענוג דערמאָנען אַזעלכע זיילן פון דער קאַדעטן-פּאַרטיי, ווי ווינאַווער.

דער כורבן פון די אידישע שטעטלעך.

די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע און נאָך איר די רעוואָלוציע האָבן ווייטיקדיק אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער אידישער באַפעלקערונג. פּונקט איבערן טכום זיינען דורכגעגאנגען די פראָנטן און די צאַרישע קריגספירער, וועלכע

זיינען באַשטאַנען דורכויס פון אנטיסעמיטן, האָבן געקוקט צווישן די פינגער
אַף די שפּאָטערייען און רויבערייען פון די אידן און פון צייט צו צייט זיינען
לעקאָוועד די מאַפּאָלעס פון דער צארישער ארמיי פאָרגעקומען אויך פּאָגראָ-
מען. מיטן אָנהויב פון דער רעוואָלוציע זיינען דיזעלבע ערטער געוואָרן אַן
ארענע פון פארביסענעם קאַמף צווישן די ראטן און א גאנצער ריי אוואנטיו-
ריסטישע רעגירונגען, דאָ זיינען אויך געווען קאָלאָסאַלע באַנדיטישע פּאָגראָ-
מען, וועלכע האָבן אָפּגעמעקט גאנצע שטעטלעך פון דער ערד.

דורך דער רעוואָלוציאָנערער האַנט פון די ראטן זיינען די אלע באַט-
קעס-אטאמאנען און קליינע באנדיטישע כאָפּטעס, וועלכע האָבן געמאַכט פאר
זייער ספּעציאַליטעט שלאָגן און ראַבירן אידן, אויסגעקערט געוואָרן. עס איז
געקומען די ראטנמאכט, וועלכע האָט באפרייט אלע פעלקער פון נאציאָנאַלע
אָפּשפּאָטערייען און פּאָגראָמען. אָבער די ראטנמאכט, וועלכע האָט געבראכט
די גאראנטיע פון לעבן און די רעטונג פון פּאָגראָמען און פון געוואלט-טויט,
האָט געבראכט מיט זיך פאר דער אידישער באַפעלקערונג א ריי עקאָנאָמישע
שוועריקייטן.

אלע ווייסן, אז די ערשטע צייט האָט די רעוואָלוציע ווייטיקדיק א קלאפּ
געטאָן גראָד איבערן קליינעם האַנדל און די קוסטארע געווערבן, פּונקט איבער
די צווייגן, ארום וועלכע עס האָט געלעבט די איקערדיקע אידישע מאַסע. די
צעשטערונג פונם האַנדל, דאָס פאלן און די רואינירונג פון די קוסטאר-גע-
ווערבן, די עקאָנאָמישע יערידע פון די אידישע שטעטלעך, די געוועזענע נעסטן
פון האַנדל און עקספּלואטאַציע פון פויערים, דאָס אלץ איז אראָפּגעפאַלן אַף
דער אידישער אָרימקייט, און די אידן זיינען אריין נאָך אין א שווערערער אָנ-
אויסוועגנדיקער לאגע. זיי האָבן פארלאָרן אויך יענעם שוואכן פאר-רעוואָלוציאָ-
נערן אָנשפּאר, וועלכער האָט זיי געהאָלפן עקזיסטירן. עס איז גאַנץ נאטיר-
לעך, וואָס די מער פארמעגלעכע, וועלכע האבן פאָרבינדונגען, האָבן זיך א
וואָרף געטאָן קיין מאָסקווע און אין אנדערע שטעט צו פארנעמען ראַטן-שטע-
לעס. אָבער אזוי גייען דאָך פון דער מאַסע ארויס בלויז די מער פארמעג-
לעכע, וועלכע האָבן פארבינדונגען, וועלכע קאָנען באקומען אן אָרט; און די
מאסע האָט אָן האָפענונג געקוקט אַף איר צוקונפט.

אין די הונגער-יאָרן בין איך, צווישן אסאך אנדערע ערטער, געווען
אויך אין די אידישע שטעטלעך און מיך האָט ארומגעכאפּט א געפיל פון אומ-
רו — ווי וועט די ראטנמאכט קאָנען ארויסשלעפּן די אידישע אָרימקייט פון
דערדאָזיקער דריקנדיקער און אָן האָפענונגדיקער קאפּצאָנעס? שטארבנדיק פון
הונגער, האָבן די רוסן דאָך געהאט א פערספּעקטיוו, אז בא אונז וועט זיין א
גערעטעניש; די אידן אָבער האָבן דעמדאָזיקן געדאנק, וועלכער שטילט דעם
ווייטיק, ניט געהאט.

נאָך דעם הונגער זיינען שוין דורך 4 יאָר; פאר דערדאָזיקער צייט
וואקסט דער וואוילשטאנד פון די ראטן-רעפּובליקן, וואקסט דער אליינבא-
וואוסטזיין פון אלע ניט נאָר גרויסע, נאָר אויך קליינע נאציאָנאליטעטן, וועלכע
באַפעלקערן דעם ראטנפארבאנד. אלע פילן, אז דער ראטנפארבאנד איז ניט

קיין שטיפמוטער, נאָר א מוטער. בא אונז האָבן זיך אנטפּלעקט פּעלקער, וואָס קיינער האָט פון זיי ניט געוואוסט, וועלכע האָבן זיך אליין ניט געקענט און איצט ווייזן זיי ארויס זייער פּאָנים. זיי אלע האָבן באקומען נאצ. אווטאָנאָמיע, און נאָר די אידן, וועלכע זיינען צעשטויבט צווישן אנדערע נאציאָנאליטעטן, האָבן ניט געקאָנט באקומען פאר זיך קיין טעריטאָריאלע אווטאָנאָמיע, האגאם זייער אלגעמיינע צאָל (פון 2,5 ביז 3 מיליאָן מענטשן) אין פארבאנד גיט זיי דאָס רעכט אף אַווטאָנאָמיע.

גאַנץ נאַטירלעך, אז די אידישע אָרימקייט, וועלכע האָט פאַרלאָרן די האָפענונג צו לעבן אין דער צוקונפט, פארנעמענדיק זיך מיט האַנדל, מיט קוסטארע געווערבן און מיט מעלאָכעס, פון וועלכע עס שטויסן זיי ארויס די מעלוכע-אָרגאנען און די קאָאָפּעראציע, האָט געוווּנדעט איר אויפמערקזאמקייט אף דער ערד. נאָר די ערד וועט געבן די מעגלעכקייט דער גרונט-מאסע פון אידנטום, דאָס הייסט דער אָרימקייט, זיך צו ראטעווען פון הונגער, פון אויס-שטארבן און פון פארלירן זייער נאציאָנאליטעט. און די אידישע באפעלקערונג האָט אוועקגעשטעלט פאר די ראטן-רעגירונגען פון רסס"ר, אוקראינע און ווייסרוסלאנד די פראגע וועגן באטיילן זיי מיט ערד. די רעגירונג פונם פארבאנד האָט פארשטאנען, אז די אידישע הויפּט-מאסע קאָן מען פארהיטן פון פולער רואינע און פון אויסשטארבן בלויז דורכן אַריבערפירן זי אף ערדאַרבעט. צוליב דעם איז טאקע געשאפן געוואָרן דער קאָמיטעט פארן ערד-איינאָרדענען די ארבעטנדיקע אידן.

לעמאַי האָט מען געשאַפן דעם „קאָמערד"?

פיל אנטיסעמיטן שטעלן גיפטיק אַ פראַגע: פארוואָס זשע האָט די רע-גירונג ניט אָרגאניזירט קיין קאָמיטעטן פאר איבערוואנדערונג פון אנדערע נאציאָנאַליטעטן? דערויף קאָן מען נאָר ענטפערן, אז די, וועלכע שטעלן די פראגע, האָבן פאַרגעסן, אז אַלע אנדערע נאציאָנאליטעטן האָבן באַ אונז ניט קיין קאָמיטעטן פאר אריבערוואנדערונג, נאָר אווטאָנאָמישע רעפובליקן און געגנטן, האָבן זייערע אייגענע רעגירונגען, זייערע ערד-אָרגאַנען, וועלכע שטייען שטענדיק אף דער וואך פון זייערע נאציאָנאַלע אינטערעסן. בלויז די אידישע נאציאָנאליטעט האָט באַ אונז ניט קיין אייגענע רעגירונג און פאר איר איינ-ציקן אָפיציעלן פאָרשטייער רעכנט זיך איצט גראָד דער „קאָמערד".

די גרויס פון דער איבערוואַנדערונג.

איך וועל ניט באשרייבן די געשיכטע פון באטיילן די אידישע באפעל-קערונג מיט ערד און פון פארוואנדלען זיי אין ערד-ארבעטער. איך וויל נאָר דערמאָנען, אז ווייסרוסלאנד האָט באַזעצט אף ערד 1.650 פאמיליעס, אוקראינע— 7.600 און אז. וו. אין רספס"ר גייט א געוויסע פּלאנישע באזעצונג פון אידן אף ערד. וועגן דעם איז קיין באזונדער געשריי ניט געווען. אַ געשריי און צעטעלעך האָבן זיך באוויזן ערשט דעמאָלט, ווען אין די צייטונגען האָט זיך באוויזן די מיטיילונג, אז אידן ווערן באזעצט אין קרים.

מ'דאַרף זיך רעכענען מיט די שטייגער־באַדינגונגען.

מע דארף זאָגן, אז ווען מע זעצט אריבער א באפעלקערונג, רעכנט מען זיך מיט זייערע שטייגער־באדינגונגען; לעמאָשל, די סטעפּישע פּלעצער ווערן באזעצט דעריקער מיט אוקראינער אָדער מיט רוסן פון צענטראלן שווארץ־ערדיקן פּאַס, און אין וואלדיקע פּלעצער גייען די צאָפן־איינוואוינער פון נאָוגאָראָדער, וואָלאָגדער, וויאטקער און אנדערע גובערניעס. ניט רעכענען זיך דערמיט טאָר מען ניט, אויב מע וויל באקומען גינציקע רעזולטאַטן פון דער אריבערוואנדערונג. לויטן ווילן פון דער געשיכטע זיינען די אידן געוואוינט צו לעבן אין ווייכן דאָרעמדיקן קלימאט. אלע ווייסן, אז זיי וואוינען אין אוקראינע, פּוילן און ווייסרוסלאנד. קיין צאָפן האָט זיי דער צאריזם ניט געלאָזן, סיביר איז פּאַר זיי אויך פּולקום פאַרבאָטן געווען. דעריבער שטרעבט די רעגירונג קוידעמקאָל צו פּאַנאַנדערזעצן זיי אין העסקעם מיט זייערע געוואוינהייטן אין די פּלעצער, וואו זיי וואוינען, אָדער זי זעצט זיי אַריבער אין אַזעלכע גובערניעס און ראיאָנען, וואו דער קלימאַט און אַלע אייבעריקע באַדינגונגען אונטערשיידן זיך ניט שאַרף פון זייער פריערדיקן שטייגער.

באַם צאַריזם, ווען פּוילן איז נאָך געווען אין אונזערע הענט, האָט אַ קאָלאָסאַלע צאָל אידן אריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און די לעצטע יאָרן האָט זיך מאַרשפּרייט אַ דייע, וועלכע עס האָבן געשטיצט די אויסלענדישע אידישע קאַפּיטאַליסטן, וועגן אַריבערזעצן די הויפּטלעכע אידישע מאַסע קיין פּאַלעסטינע. דידאָזיקע שטרעמונג איז שטאַרק נאָך אַדהאַיאָם. די ציאָניסטן פירן אַ קאמפּאַניע קעגן דער ראַטנמאַכט און נאַרן די אידישע באַפעלקערונג קיין פּאַלעסטינע, וואו זיי פּאַלן אַריין אין אַן אומגעוויינלעכער פאַרשקלאַפונג באַם ענגלישן און אידישן קאַפּיטאַל. גאַנץ נאַטירלעך, אַז די ראַטנמאַכט קאָן ניט דולדן, ווען פון איר לאַנד לויפט ניט דער נאָגיד, ניט דער סוינע פונם אַרבעט־פאָלק, נאָר דער אידישער אָרימאַן, וועלכן עס נאַרט אָפּ דער אידישער קאַפּיטאַליסט. און די אידישע קאָמוניסטן, ניט די קאָמוניסטן, וועלכע פאַרנעמען באַ אונז פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס (זיי זיינען אידן בלויז לויט דער אָפּשטאַמונג), נאָר די אידן־קאָמוניסטן, וועלכע לעבן אין דער אידישער מאַסע, האָבן זיך געווענדעט צו דער רעגירונג, אַז זי זאָל געבן אַ מעגלעכקייט דער כוואַליע אריבערוואַנדערער, וועלכע שטרעבט קיין פּאַלעסטינע, זיך פּאַנאַנדערצוזעצן אין ראַטנפאַרבאַנד, און די מיטלען, וועלכע ווערן געזאַמלט אין אויסלאַנד צוליבן ערד־איינאָרדענען די אידן, צוציען מיט דעמזעלבן ציל פאַר די הויצאָעס פון דער פּאַנאַנדערזעצונג.

אַ פראַגע דעם כ׳ אָווטשיניקאָוו.

צווישן אנדערע ערטער, וואו עס באַזעצן זיך אידן, איז אריינגעפאַלן אויך קרים, —וואָס פאַר אַ גליק פאַר אידן! מענטשן פאָרן קיין קרים צו פּאַריכטן דאָס געזונט; מע זאָגט, אז דאָרט איז שטענדיק אַ בלויער הימל, אַסאַך

רויזן, ווייַנטרויבן און אנדערע גליקן—ווי זאָל מען ניט מעקאַנע זיין אזא גליקי וואָס אידן באַזעצט מען דאָרטן, און גאַנצע טויזנטער פויערים, רוסישע, אוקראַי-נישע און ווייסרוסישע, גייען קיין סיביר און ווייטער דורך סיביר אפן ווייטן מיזרעך? פאַרשטייט זיך, „די אידישע מאַכט איז צו-גוט צו אידן".

אָבער, כ' אווטשיניקאָוו, איך וועל אייך שטעלן אַ פראַגע: פאַרוואָס זייַנען דידאָזיקע געבענטשטע ערטער ביז איצט ניט פאַרנומען געוואָרן פון קיין באַפעלקערונג? קרים איז דאָך באַזעצט געווען אַסאַך פריער, איידער דער אונ-טערמאָסקווער ראַיאָן. דעמאָלט, ווען אין אונזער גאַנצן צענטראַלן אינדו-סטריעלן ראַיאָן זייַנען געווען נאָר וועלדער, זומפּן און כאַיעס, שוין דעמאָלט איז קרים געווען באַזעצט ניט נאָר מיט אַ דאָרפישער, נאָר אויך מיט אַ שטאָ-טישער באַפעלקערונג. איז פאַרוואָס זשע האָבן מענטשן פלוצים געהאַקט וועלדער, געטריקנט זומפּן און אין קרים זייַנען ריזיקע געבענטשטע פּלעצער געבליבן ניט באַוואוינטע? און אויך איצט גייען דורך טויזנטער פויערים אליין, קעגן דעם פּלאַן פונם פאָלקאָמערד, קיין סיביר און באַזעצן זיך נאָך ווייטער; און גראַד די צויבערדיקע פּלעצער פון קרים, וועלכע די ראַטנמאַכט האָט אויס-געקליבן פאַר אידן, בלייַבן פרייַ!

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר קרים אַלס אַן איבער-וואַנדערונגס-אָרט?

אָט וואָס עס שרייַבן אונז די אַגראָנאָמען, וועלכע זייַנען געשיקט גע-וואָרן צו אונטערזוכן די קרימער ערדן:

„מיר קלייַבן איצט ערטער פאַר ישואווים; עס קומט אויס צו אויס-קלייַבן פון אַלע בייזן דאָס קלענסטע. אין קיין איין אָרט קאָן מען ניט וואַרטן מיט זיכערקייט אף געניגע און גוטע וואַסער. אף אַלע פּלעצער (אויסער 59-טן) קאָן מען מאַכן נאָר שאַכטן-ברינעמער פון העכער 20 קלאַפטער און ביז 50 די טיף. די אַרטעזיאַנישע וואַסערן אין דעמדאָזיקן ראַיאָן זייַנען צומייסטנס ביטער געזאַלצענע. די טעג וועל איך אייך אַרויסשיקן אַלע מאַטעריאַלן וועגן יעדן באַצירק באַזונדער. דערווייל האָבן מיר אויפגעשטעלט איין ברונעם אין 22-טן באַצירק, אין דער געוועזענער, איצט כאַרעוווער, עקאָנאָמיע מאָנטאַנאַי—סירט, וואו מיר רעכענען בויען אַ נייעם ברונעם. געשלאָסן אַן אָפּמאַך אף צוויי נייע ברינעמער: איינער אפן 39-טן באַצירק (אין ראַיאָן פון איקאָר), דער צווייטער אפן 62-טן באַצירק. עס איז צוגעגרייט אַן אָפּמאַך מיט אַ צווייטן ברונעם-גרעבער אף צוויי ברינעמער און אף אויפשטעלן איינעם. דער קאָסטן פון דער אַרבעט אַן מאַטעריאַלן—ביז 20 קלאַפטער צו 50 רובל, אויב טיפער, איז צו 75 רובל פאַר אַ קלאַפטער. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער מאָנטאַנאַיער ברונעם פון 32 קלאַפטער, אפן 71-טן באַצירק—ברונעמער פון 45—48 קלאַפטער, אי דאָס מיט שלעכטן וואַסער.

די פּראָבלעם פון באַוואַסערן דידאָזיקע פּלעצער איז אף אזוי פיל ערנסט און קאָמפּליצירט, אז איך דאַרף פאַר אייך אוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער

מעגלעכקייט און דערלאָזובארקייט צו באזעצן די באצירקן פון יעווופּאָטאַריער ראיאָן".

ווי מע זעט פון דעמדאָזיקן אויסצוג, קען מען אף דערדאָזיקער ערד קיין פּאָשעטע איבערוואנדערער ניט אוועקזעצן. קעדיי צו באזעצן זיי, דאַרף מען אף יעדער דעסיאטין אוועקלייגן מינימום אַ פּאָר הונדערט רובל. ניט די ראַטן-רעגירונג, ניט די באַפעלקערונג, וועלכע וועט אריבערגעזעצט קיין סיביר, האָט ניט דידאָזיקע סומע. דידאָזיקע סומע קאָן צונויפגעקליבן ווערן נאָר אין אויסלאנד; און די אידן טוען דאָס.

אידישע איבערוואַנדערער האָט מען אויסגעטיילט 2½ פּראָצ. פרייע ערד-פאָנדן.

און אַ טומל האָט מען דאָך אין טאָך אריין געמאכט איבער קלייניקייטן. דער גאנצער ערד-שעטעך, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין קרים פאר אידישע אָרגאניזאציעס, באטרעפט 60 טויזנט דעסיאטין, און דער גאנצער שע-טעך פון קרים באטרעפט 2.360.000 דעסיאטין, הייסט עס, אז מע האָט אָפּגע-געבן די אידן אין קרים אזא ערד, וועלכע קיין מענטש האָט קיינמאָל ניט גענוצט און וואָס וואָלט מעגלעך נאָך פיל יאָרן ניט אויסגענוצט געוואָרן, און אָפּגעגעבן האָט מען בלויז 2,5 פּראָצענט פון דער גאנצער ערד.

פריער, אין דער צארישער צייט, האָבן די אידישע גוטבאזיצער, ווי דער באַראָן גינזבורג, געהאט אַסאַך מער ערד, איידער מיר האָבן איצט אויסגע-טיילט פאר די ארבעטנדיקע אידן אין קרים, און דעריבער איז דער טומל, וואָס ווערט אויפגעהויבן ארום דערדאָזיקער פראגע, ניט באגרינדעט.

די שטעטלשע באַפעלקערונג דאַרף ווערן אַן אַרבעטנדיקע, אַן אַרבעטערשע.

פאר דער ראַטנמאַכט זיינען אלע נאציאָנאליטעטן גלייך, זי וויל זיי פארוואנדלען אין א פּראָדוקטיווער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. דאָס אידנטום איז לויטן בייזן ווילן פון דער געשיכטע געווען א שטאָטישע און שטעטלדיקע באַפעלקערונג, פאַר זיי איז ערד געווען אַ פאַרווערטע פרוכט. נאָר, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איינצלנע פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן האָבן לויט דער פּערזענלעכער דערלויבעניש פונם צאַר פארמאָגט ערד. די ראַטנ-מאַכט האָט דידאָזיקע ערד, וואָס דער צאריזם האָט געשענקט, בא די אידישע קאפּיטאליסטן אָפּגענומען. אָבער זי שטרעבט צו מאכן פאר אן ארבעטנדיקער פויערשער באפעלקערונג די אומבאהאָלפענע שטעטלשע באפעלקערונג, און דערין האָט זי שוין געמאכט היפשע דערפאָלגן.

יעדער אָרנטלעכער מענטש דאַרף זאָגן, אז אנדערש האָט די ראטנמאכט ניט געקאָנט און קאָן ניט האנדלען.